

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת שמיני
תשע"ח לפ"ק
גליון י"ג

## שאלה

### וואס איז פשט אז די תלמידים פון רבי עקיבא האבן זיך נישט אויפגעפירט מיט כבוד איינער צום צווייטן?

## ענטפער:

מיר דארפן פארשטיין אז אונזער באגריף פון כבוד און די גמרא'ס באגריף פון כבוד איז כרחוק מזרח ממערב, זיי זענען אזוי ווייט אפגערוקט איינס פון צווייטן, אזוי ווייט ווי פון מזרח צו מערב. וויאזוי מיר זענען נוהג כבוד זה לזה אין די מערסט-העפליכע געזעלשאפט היינט-צו-טאג, וואלט בכלל נישט גערופן געווארן "כבוד" אין די אויגן פון די תורה. די תלמידים פון רבי עקיבא ווערן באשולדיגט, בלויז ווייל זיי זענען נישט געווען "גענוג" גוט. און דאס איז די פשוט'ע אמת. זיי וואלטן געדארפט זיין "מער" רעספעקטפול, און "מער" אויפמערקזאם איינער פאר'ן צווייטן.

אבער טראכט נישט פאר איין מינוט אז עס איז דא היינט א פלאץ, וואו מען איז אזוי העפליך, אזוי אויפמערקזאם, אזוי מענטשליך ווי רבי עקיבא'ס תלמידים זענען געווען איינער צום צווייטן. אבער דאס איז נישט געווען גענוג. עס איז נישט גענוג פאר אזעלכע גרויסע מענטשן. אזוי ווי עס שטייט (תהלים, נ' ג') "וסביביו נשערה מאד" – אלעס ארום אים, איז עקסטרעם שטורעמיש. אלעס ארום השי"ת, ווי נענטער מען קומט צו אים, אלס מער שטורעמיש ווערט עס. עס איז שטורעמיש צו זיין נאנט צו השי"ת. ווען דו ביזט נאנט צו השי"ת, דארפסטו זיך ספעציעל היטן.

אויף דעם פסוק זאגט די גמרא: מלמד שהקדוש ברוך הוא מדקדק עם חסידיו כחוט השערה – מיט די וועלכע זענען נאנט צו אים, שטעלט זיך הקב"ה אויף ריכטיגע אויפפירונג אזוי דין ווי א האר (יבמות, קכ"א ע"ב). טאקע צוליב דעם איז אזוי סכנה'דיג צו זיין גוט. עס איז א סכנה צו זיין גרויס. ווי גרעסער דו ביזט, אלס בעסער דארפסטו זיין. און די מענטשן וועלכע זענען געווען נאנט צו רבי עקיבא, זענען געווען ערוואַרטעט זיך אויפצופירן פיל בעסער. אבער מאך נישט קיין טעות צו מיינען אז זיי זענען געווען שווערע מענטשן אדער אומהעפליך איינער צו צווייטן, אינעם זין וואס מענטשן מיינען היינט.

## שאלה

### וואס איז די פשוט'ע פשט אין די ווערטער "ה' אחד" וואס מיר זאגן אין קריאת שמע?

## ענטפער:

די ווערטער השם אחד נעמט אריין אסאך זאכן. עס איז צו א גרויסע נושא – צו א וויכטיגע נושא – צו קענען האבן א פשוט'ע פשט. אבער איך וועל דיר זאגן איין פשט. ה' אחד מיינט אז ער איז דער איינציגסטער וואס עקזיסטירט. און גארנישט מער עקזיסטירט. ער איז "הויה". בלויז ער האט אן אמת'ער עקזיסטענץ. זיין עקזיסטענץ איז היה, הוה ויהיה. ער עקזיסטירט אמת'דיג, און מיר אלע עקזיסטירן בלויז אינעם זין אז ער איז אונז מהוה. ער מאכט אז מיר זאלן עקזיסטירן, דורך זיין רצון. דורך זיין ווילן ווערן מיר אריינגעברענגט אין עקזיסטענץ, און אויב זאל ער אויפהערן צו וועלן, וואלטן מיר געווארן אויס. ער האט אונז

**לעילוי נשמת רבי אביגדור בן רבי ישראל הכהן זצ"ל מיללער**
נפ' כ"ז ניסן תשס"א לפ"ק

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

באשאפן פון גארנישט, און מיר וואלט צוריקגעווארן גארנישט.

און דערפאר זאגן מיר אז דער אויבערשטער איז הויה. דער רמב"ם איז מסביר אז דאס מיינט – ער איז דער איינציגסטע וואס איז "מחיוב המציאות". ער איז דער איינציגסטע וועמענ'ס עקזיסטענץ איז עכט. און אלעס אויסער אים אין דער וועלט, עקזיסטירט בלויז וויל השי"ת וויל אז עס זאל זיין אין עקזיסטענץ. עס איז זיין רצון. ס'איז זיין מחשבה. פארשטייט זיך, זיין מחשבה איז א מעכטיגע מחשבה. דו וויסט אז דו ביזט עכט – זעהסטו אז עס איז גאנץ א שטארקע מחשבה. אבער דאך זענען מיר בלויז א מחשבה פון השי"ת. עס איז די דמיון כביכול פון הקב"ה. מיר עקזיסטירן דורך די מחשבה פון הקדוש ברוך הוא.

מיר זאגן יעדן אינדערפרי "ברוך גוזר ומקיים". נישט בלויז האט השי"ת באפוילן אז מיר זאלן עקזיסטירן, נאר ער איז אויך "מקיים" – ער האלט אן זיין באפעל. ער זעצט פאר צו "וועלן" אז מיר זאלן עקזיסטירן. מיר זענען בלויז זיין פאנטאזיע, בשעת ער אליינס עקזיסטירט עכט.

טאקע וועגן דעם דאנקען מיר אים פאר יעדע מינוט. נישט בלויז אז ער האט באשאפן די וועלט, נאר מיר דאנקען אים פאר'ן אנהאלטן די עקזיסטענץ פון דער וועלט יעדע סעקונדע. איז די וועלט פאר זיך האט נישט קיין עקזיסטענץ. די וועלט איז "אין" – ס'איז גארנישט. הקב"ה איז דער איינער וואס האט געמאכט דעם "אין" פאר א "יש". און דעריבער איז ער "אחד". ער איז איינס. ער איז דער איינציגסטער.

עס זענען דא נאך פשטים, און אלעס איז אמת. נאך איין וויכטיגע פירוש וועל איך דיר זאגן. ער איז 'איינס' מיינט אז ער איז דער איינציגסטער אין אונזער מח. ער איז די איינציגסטע זאך פון וואס מיר דארפן טראכטן. סיי וואס דו טוסט, מוזטו טראכטן בעיקר וועגן השי"ת. דו מוזט טראכטן פונעם אויבערשטן אייביג. אייביג אים! ער איז דער 'אחד' אין אונזער מח. נישט קיין חילוק וואס דו טוסט – קיין חילוק פון וואס דו טראכסט, ער איז דער איינציגסטער פון וועם דו זאלסט טראכטן די מערסטע. דאס איז נאך א וויכטיגע פירוש אויף די ווערטער השם אחד.

## שאלה

## וואס זאל זיין די ראלע פון א טאטע אין א שטוב?

### ענטפער:

ער זאל געבן אלעס וואס ער האט צו געבן. דאס איז די פשוט'ע און גלייכע ענטפער. וואס מיינט, אז ווען ער קומט אהיים, נאך איידער ער גייט אריין, ווען ער האלט נאך אן דעם טיר-הענטל, זאל ער מאכן אלס זיין מיסיע זיך אפצושאקלען פון אלע נערוועזיגקייטן און מרה שחורה וואס ער האט איינגעהאנדלט דורכאויס'ן טאג. וויבאלד יעצט הייבט זיך אן זיין גרויסע קאריערע אין לעבן – די קאריערע פון זיין שטוב.

ער דארף זיין גרייט אויף אלעם ווען ער קומט אריין. ער וועט הערן פון זיין ווייב "אגאנצן טאג ביזטו געזיצן אין א שטילע אפיס, און די צייט וואס איך האב זיך געמוטשעט מיט די קינדער." זי גייט פלאצן אויף אים. איז דעריבער, ווען ער האלט נאך אן דעם קלאמקע, זאל ער זיך גרייט מאכן פאר דעם אויפרייס... ער זאל זיין גרייט אויף אלעם. ער זאל פעסט אפמאכן ביי זיך אז יעבור עלי מה, נישט קיין חילוק וואס וועט פאסירן – וועל איך שפילן מיין ראלע. איך וועל זיין א גוטער שפילער. דאס איז וויאזוי ער זאל זיך צוגרייטן ווען ער גייט אריין אין זיין הויז.

די איינציגסטע פראבלעם איז נאר אויב איז ער אינדערהיים אגאנצן צייט – וואס זאל ער דעמאלטס טון? אום שבת, איז עס שווער! צו "עקטן" נאר ביינאכט, מעגליך. אבער אגאנץ שבת, דאס איז שוין א גרויסע דזשאב. איז ווען ער גייט אין שול אום שבת, דעמאלטס שפילט ער נאטורליך, און דאן ווען ער קומט נאכאמאל אהיים, זאל ער זיך נאכאמאל גרייטן פאר דעם נסיון. און דאן זאל ער נישט פארבלייבן צו לאנג אינדערהיים... ער זאל שנעל צוריקגיין אין שול לערנען. ווי ווייניגער דו דרייסט זיך דארט, איז גרינגער צו "שפילן".

אבער דאס איז נאר דער אנהייב. עס איז דא אסאך צו רעדן וואס א טאטע זאל געבן פאר זיין משפחה. ער דארף אריינלייגן א "סענס און הומאר" אין זיין שטוב. א טאטע דארף מיטברענגען מיט זיך א פריילעכע אטמאספערע. מאמע'ס האנדלען מיט די קינדער אגאנצן טאג, זענען זיי אויסגעקוועטשט. און דעריבער יעדע קליינע פראבלעם איז ריזיג אין אירע אויגן. דער קליינער חיימ'ל וויל נישט עסן, און עס ווערט אזא גרויסע פראבלעם, אז אלע פראבלעמען פון די וועלט ווערן מינדערוויכטיג קעגן דעם... איז דער טאטע דארף מאכן א וויץ פון דעם. אודאי דארף ער זיין געווארנט עס צו טון אין אזא וועג אז זי זאל נישט ווערן די ציל פונעם וויץ. אבער עס דארף זיין א וויץ – "ס'איז נישט אזוי ערנסט; חיים וועט נאך איין טאג זיין א גרויסע, פעשע רבי'..."

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות